בעזרת השם יתברך

גליון

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ב'

פרשת תצוה תשפ"ג

## שִׁעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עִיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

דִי וָואךְ בְּרֶענְגֶען מִיר דֶעם הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא. וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעגֶעבְּן גָאר אַ רַייכֶע שִׁיעוּר פוּל מִיט הֶערְלִיכֶע הִתְחַזְּקוּת וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר יֶעדְן מְחַנֵּךְ אוּן מְחַנֶּכֶת, אוּן אוֹיךְ פַאר עֶלְטֶערְן פוּן קִינְדֶער.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: בָּרוּךְ הַשֵּׁם, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ דִי גֶעלֶעגֶנְהֵייט צוּ רֶעדְן סְפֶּעצִיעֶל צוּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; גֶעוֶוענְלִיךְ רֶעד אִיךְ צוּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן אַמֶערִיקֶע, אוּן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס הֶערְן עֶס אוֹיס אוֹיף 'קוֹל בְּרֶסְלֶב' בַּיי דִי בַּאזוּנְדֶערֶע אָפְּטֵיילוּנְג פוּן שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ, וִוי מֶען קֶען דָארְט הֶערְן אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק פוּן חִינוּךְ. יֶעצְט אַז אִיךְ רֶעד דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס פוּן אַמֶערִיקֶע עֶס דַארְפְן אוֹיסְהֶערְן אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב...

### זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אַ רֶבִּי

יֶעצְט לָאמִיר רֶעדְן אַבִּיסְל '**הִלְכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ**'; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס דֶער מְנַהֵל דַארְף טוּן, אִיז עֶר זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער דִי זַאכְן וָואס אִיז שְׁוֶוער פַארְ'ן מְלַמֵּד צוּ רֶעדְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, נִישְׁט יֶעדֶער מְלַמֵּד קֶען זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער "**וֶוען דֶער רֶבִּי קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן**", דַארְף דֶער מְנַהֵל דָאס פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער, אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען זֵייעֶר רֶבִּי קוּמְט אַרַיין זָאלְן זֵיי זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בֶּאֱמֶת אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה פַארְ'ן מְלַמֵּד דָאס צוּ פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעקוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר אִין כִּתָּה אוּן בַּאמֶערְקְט אַז קֵיינֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, מִן הַסְתָם הָאבְּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע מְלַמְּדִים נִישְׁט גֶעהַאט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער מִיט דִי הַלָכָה אַז וֶוען אַ רֶבִּי קוּמְט אַרַיין דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶע'יִשׁוּבְ'ט צִי אִיךְ זָאל זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער "עֶנְק דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר מִיר!" עֶס פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל פַארְלַאנְגֶען אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר מִיר זֶעלְבְּסְט, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שְׁנֶעלֶע חֶשְׁבּוֹן: 'אֵיין מִינוּט; **פַארְוָואס וִויל אִיךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן!**' הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער "**וֶוען דֶער רֶבִּי קוּמְט אַרַיין אִין חֵדֶר מוּז זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיפְשְׁטֶעלְן!**" אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "**הֶערְט מִיר גוּט אוֹיס, אִיךְ הָאבּ גֶענוּג כָּבוֹד פַאר מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ אֲפִילוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר עֶנְק... אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט וֶוען אַ רֶבִּי קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן!**"

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס קֶענֶען נִישְׁט זָאגְן אִינְדֶערְהֵיים פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער: "**מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ טַאטֶע!**" עֶטְץ וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין שְׁטוּבֶּער? עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס דֶער טַאטֶע זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן שְׁרֵייעֶן אַרַיין אַלֶע קִינְדֶער... אוּן דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער "**וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט דַארְף מֶען זַיין שְׁטִילֹ!**" עֶר הָאט מוֹרָא דָאס צוּ זָאגְן.

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז דָאס מַיין שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַפָּאר הוּנְדֶערְט מָאל גֶעזָאגְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: "**וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן!**" פוּן וֶוען מַיין עֶלְסְטֶער זוּן אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין אוּן נָאךְ הַיינְט לֶערְן אִיךְ דָאס אוֹיס פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אַז וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיין רֶעדְן. מֶען זָאגְט נִישְׁט: "**וֶוען 'אִיךְ' רֶעד טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן**", עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט 'אִיךְ', נָאר: "**וֶוען אַ 'טַאטֶע' רֶעדְט טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן!**"

אַזוֹי אִיז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס אַ קִינְד אִין הִלְכוֹת 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', מֶען נִיצְט דֶעם אוֹיסְדְרוּק: "**מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ 'טַאטֶע'**", "**מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ 'מַאמֶע'**", "**מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ 'רֶבִּי'**", מֶען "**רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַן 'עֶלְטֶערֶער' מֶענְטְשׁ**", עֶס מֵיינְט בִּכְלַל נִישְׁט מַיין כָּבוֹד, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערְן, מְחַנְּכִים אוּן עֶלְטֶערֶע.

### דִי עֶרְשְׁטֶע שָׁעוֹת פוּן טָאג

דֶער עִיקָר צַייט צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז אִין דִי עֶרְשְׁטֶע שָׁעוֹת פוּנֶעם טָאג, דֶעמָאלְט אִיז דִי קָאפּ נָאךְ קְלָאר, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי וִויכְטִיגֶע זַאכְן, בַּיי אִינְגְלֶעךְ אִיז עֶס גְמָרָא, חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת, אוּן בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז עֶס אַלֶף בֵּית, נְקוּדוֹת אוּן הַלָכָה, צוּפְרִי זִיצְן נָאךְ דִי קִינְדֶער אַיין רוּאִיג.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע מַאכְט מֶען דֶעם 'הַפְסָקָה' אֵיינְס אַזֵייגֶער; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דִי קוּרְצֶע הַפְסָקָה, פוּן צֶען מִינוּט - דָאס גֶעבְּט מֶען אוֹיךְ בְּעֶפָּאר אֵיינְס אַזֵייגֶער, דָאס מַאכְט מֶען פָּשׁוּט כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא אוּן עֶסְן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער דִי לַאנְגֶע הַפְסָקָה וִוי דִי קִינְדֶער לוֹיפְן אַרוּם, טַאנְצְן, קְרִיכְן אוּן גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס, דָאס מַאכְט מֶען אֵיינְס אַזֵייגֶער, פַאר אֵיין שָׁעָה.

### מֶען מוּז זֵיי בֶּעבִּיסִיטְן...

וֶוען עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי הַפְסָקָה, אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן... דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער גְרִינְגֶערֶע זַאכְן, וִוי 'טַעֲמֵי הַמִּקְרָא' וְכַדוֹמֶה, מֶען זוּכְט וָואס מֶען קֶען דֶעמָאלְט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער.

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵייעֶן שׁוֹין דִי מֵיידְלֶעךְ אַהֵיים פוּן שׁוּלֶע אֵיינְס אַזֵייגֶער, לִכְאוֹרָה וָואלְטְן שׁוֹין דִי יוּנְגְלֶעךְ אוֹיךְ גֶעקֶענְט דֶעמָאלְט אַהֵיימְגֵיין, נָאר מֶען מוּז זֵיי בֶּעבִּיסִיטְן... מֶען הַאלְט דִי קִינְדֶער פַאר נָאךְ אַפָּאר שָׁעָה.

פארזעצונג אין עמוד ב' <<<

# שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

<<< פארזעצונג פון עמוד א'

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אִיז וִוי לֶענְגֶער מֶען הַאלְט דִי קִינְדֶער אַלְץ אִיז עֶס אַ בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, וַוייל עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ קֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן אִין דִי צַייט נָאךְ גֶעלְט... עֶס הַאלְט שׁוֹין הַיינְט דִי צַייט פוּן אַהֵיימְשִׁיקְן דִי קִינְדֶער פוּן חֵדֶר "פִינְף אַזֵייגֶער".

דֶער דְרֵייוֶוער פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פַּארְקִירְט דֶעם בָּאס נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה, זָאגְט עֶר מִיר, אַז עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען מַמָּשׁ נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה, אוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואלְטְן גֶעקֶענְט אַהֵיימְגֵיין גְלַייךְ נָאךְ חֵדֶר צוּפִיס אוּן זַיין אִינְדֶערְהֵיים בִּיז אַפָּאר מִינוּט, בֶּעטְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן בָּאס צוּזַאמֶען מִיט יֶעדְן, אוּן אַ שָׁעָה אַרוּם וֶוען דִי בָּאס קוּמְט צוּרִיק נָאכְ'ן אַרָאפְּלֵייגְן אַלֶע קִינְדֶער, דֶעמָאלְט זָאלְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַהֵיימְגֵיין... אוֹיךְ רוּפְן מַאמֶעס אַרַיין אִין אָפִיס בֶּעטְן מֶען זָאל נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן זֵייעֶר קִינְד בַּיי זֵייעֶר הוֹיז, נָאר לָאזְן דֶעם קִינְד אַרוּמְפָארְן דִי גַאנְצֶע שָׁעָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִי שׁוֹין קוּמֶען אִים אָפְּנֶעמֶען פוּן חֵדֶר...

אֵיי, דֶער קִינְד וֶועט דָאךְ אַהֵיים קוּמֶען מְשׁוּגָע פוּן אַרוּמְפָארְן אַ שָׁעָה צַייט אוּמְזִיסְט?! - דָאס זֶענֶען עֶלְטֶערְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען הַאלְטְן זֵייעֶר קִינְד נָאךְ אַ שָׁעָה כְּדֵי דִי מַאמֶע זָאל קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט אַ חַבֶרְ'טֶע נָאךְ אַ שָׁעָה, אָדֶער גֵיין אַיינְקוֹיפְן פַאר נָאךְ אַ שָׁעָה; מֶען גֵייט אֲפִילוּ נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, מֶען גֵייט בְּלוֹיז קוּקְן, זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק אַהֵיים מִיט גָארְנִישְׁט...

### קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע צַייטְלִיךְ

עַל כָּל פָּנִים, אַזוֹי וִוי דֶער אָנְהֵייבּ טָאג אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, דַארְף מֶען זֶען אָנְצוּקוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע זֵייעֶר צַייטְלִיךְ, וַוייל יֶעדֶע מִינוּט פְרִיעֶר זֶענֶען דִי קִינְדֶער מֶער רוּאִיג, אוּן יֶעדֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער מֶער אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אַלְץ שְׁפֶּעטֶער וֶוערְט שׁוֹין שְׁוֶוערֶער אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וָואס מֶען דַארְף, בִּיז נָאכְמִיטָאג וָואס דֶעמָאלְט צִיט מֶען שׁוֹין סְתַּם אוֹיס דֶעם טָאג.

### גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר אַ מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ; אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר דִי מְלַמְדִים, עֶנְק זֶענֶען פָּטוּר פוּן גֵיין צוּ שְׂמְחוֹת, אוֹיסֶער אַז דֶער טַאטֶע אַלֵיינְס מַאכְט חֲתוּנָה. אָבֶער וֶוען אַ חַבֶר אָדֶער אַ בַּאקַאנְטֶער מַאכְט חֲתוּנָה, וֶוענְדְט זִיךְ, אוֹיבּ אִיז דִי חֲתוּנָה נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ, קֶענְסְטוּ אַרַיינְגֵיין וואוּנְטְשְׁן "מַזָל טוֹב", אָבֶער אַז עֶס אִיז וַוייט פוּן דַיין הוֹיז, זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן, מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי הָאסְטוּ אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ דַארְפְסְט זִיצְן מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

### אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס כַאפְּן נִישְׁט וִוי חָשׁוּב זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז, מֶען טְרַאכְט 'וָואס טוּ אִיךְ דֶען אוֹיף מִיט דִי קִינְדֶער?' זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וִוי שֵׁיין צִיצִית אִיז, וִוי שֵׁיין פֵּיאוֹת אִיז, וִוי שֵׁיין אַ קַאפְּל אִיז.

### אֵיידְל אִיז רַייךְ, קְלַאסִיג אוּן שֵׁיין

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִין שׁוּלֶע; מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידוֹת וִוי שֵׁיין עֶס אִיז צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. אִין אַמֶערִיקֶע הָאבְּן מִיר אִין 'בֵּית פֵיגָא' תַּלְמִידוֹת וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען פוּן אַנְדֶערֶע שׁוּלֶע'ס, וָואס אַ טֵייל פוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, וֶוען זֵיי הֶערְן נָאר דֶעם וָוארְט "צְנִיעוּת" שְׁטֶעכְט זֵיי עֶס אִין אוֹיעֶר, זֵיי קֶענֶען מֶער נִישְׁט הֶערְן דֶעם וָוארְט "צְנִיעוּת", וַוייל אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע שׁוּלֶע אִיז מֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעהַאקְט אִין קָאפּ נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג: "צְנִיעוּת, צְנִיעוּת, צְנִיעוּת"... דֶערְפַאר וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא נִיץ אִיךְ נִישְׁט דֶעם וָוארְט "צְנִיעוּת", אִיךְ זָאג מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן **"אֵיידְל, שֵׁיין, רַייךְ"**, אַזוֹי זָאל עֶס אַרַיין גֵיין צוּ אַלֶע תַּלְמִידוֹת אַז גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אִיז 'רַייךְ, קְלַאסִיג אוּן שֵׁיין'.

### בִּילְדֶער צוּ קָאלֶערְן

עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן פַאר יוּנְגֶע קִינְדֶער צֶעטְלֶעךְ מִיט בִּילְדֶער צוּ קָאלֶערְן (אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס 'מַאלֶעוֶוען'), סְתַּם אַ וָואךְ זָאל עֶס זַיין בִּילְדֶער וָואס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט דִי וָואכֶענְדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן פַאר אַ יוֹם טוֹב בִּילְדֶער וָואס הָאט שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן יוֹם טוֹב.

### זֵיי הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט

בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער קָאלֶערְן אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי דֶעמָאלְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק אָדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי סֶדְרָה; מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ קָאלֶערְן, זֵיי הֶערְן זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּ וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס מֶען רֶעדְט, אָבֶער עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס, וֶוען מֶען הֵייסְט יוּנְגֶע קִינְדֶער: "**זִיץ גְרָאד!" "רִיק זִיךְ נִישְׁט!" "הֶער אוֹיס!**" קֶען זַיין אַז נִישְׁט יֶעדֶעס קִינְד הֶערְט זִיךְ צוּ, וַוייל דִי גַאנְצֶע מֹחַ טְרַאכְט נָאר '**צִי זִיץ אִיךְ גֶענוּג גְרָאד?...**' אוּן עֶר קֶען נִישְׁט יֶעצְט צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט, אָבֶער בִּשְׁעַת זֵיי שְׁרַייבְּן אִיז דִי מֹחַ אָפְן, הֶערְן זֵיי זִיךְ צוּ צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט.

דָאס קֶען מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן אִינְדֶערְהֵיים וֶוען אַ קִינְד שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַיינֶע שְׁפִּילְצֵייג, וִוי מֶען זֶעט אַז אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן רֶעדְט עֶר צוּ זִיךְ אַלֵיינְס, עֶר דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אִין חֵדֶר מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן צֶעשְׁרֵייט עֶר זִיךְ אוּן מַאכְט נָאךְ גֶענוֹי וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט אַלֶע פַארְבְּן... זֶעט מֶען אַז אֲפִילוּ דָאס קִינְד הָאט בִּשְׁעַתְ'ן הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה גֶעטוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אִיז עֶס נָאכְאַלְץ אַרַיין אִין זַיינֶע אוֹיעֶרְן. דֶערְפַאר אִיז גוּט אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם גֶעלֶעגְנְהֵייט מִיט חָכְמָה, אוּן דֶערְבֵּיי אָנְפִילְן דִי קִינְדֶער מִיט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן.

הֶמְשֵׁךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### יִרְאַת הָעֹנֶשׁ

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן פז) עֶס אִיז דָא 'יִרְאַת הָרוֹמְמוּת', אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא פוּן אִים, אוּן עֶס אִיז דָא 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ', אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט בַּאקוּמֶען 'גֵיהִנֹּם' אוּן אַנְדֶערֶע שְׁטְרָאפְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי – מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ 'יִרְאַת הָרוֹמְמוּת' נָאר דוּרְךְ 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ'.

בַּיי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים אִיז נָאכְנִישְׁט דָא דִי זַאךְ פוּן 'יִרְאַת הָרוֹמְמוּת', מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ', זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז פַאר יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען טוּט חַס וְשָׁלוֹם, וֶועט מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן מִיט גֵיהִנֹּם.

### עֶס הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה

אָבֶער מֶען דַארְף מֶער רֶעדְן פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן מִצְוֹת, אוּן פוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן 'תְּשׁוּבָה', זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַ אִיד קֶען זִיךְ אֵייבִּיג צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס קוּק אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן סִידוּר וֶוען אִיךְ דַאוֶוען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה? וַוייל מַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט **"אוֹיבּ מֶען קוּקְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה - שְׁטֶעכְט מֶען אוֹיס דִי אוֹיגְן!"** וֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הֶערְט דָאס, גֵייט עֶס אִים אַרַיין אִין קָאפּ, וֶוען זֵיי וֶוערְן שׁוֹין עֶלְטֶער קֶען מֶען זֵיי שׁוֹין זָאגְן פָּשׁוּט, אַז **"מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיס קוּקְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וַוייל אַזוֹי אִיז דִי הֲלָכָה"**, אָבֶער פַאר יוּנְגֶע קִינְדֶער מוּז מֶען רֶעדְן פוּנֶעם עוֹנֶשׁ, כְּדֵי עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין זֵיי.

אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אִים אוֹיךְ זָאגְן אַז **"אוֹיבּ מֶען הָאט יָא אַרוֹיס גֶעקוּקְט אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן"**. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפַּיינִיגְט אַלְס קִינְד מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת מֵיינֶענְדִיג אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶערְנָאךְ, וַוייל אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, יָארְן הָאבּ אִיךְ פוּן דֶעם גֶעהַאט בַּיינַאכְט פְּחָדִים, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן. מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז עֶס הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן אוֹיבּ הָאסְטוּ יָא אַרוֹיסְגֶעקוּקְט קֶענְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן, דִי קוּמֶענְדִיגֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה קוּק נִישְׁט אַרוֹיס.

>>> פארזעצונג פון לעצטע עמוד

קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט אוּן גְרִינְגֶערְהֵייט, מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס אוּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן נָאר עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים", דִי פָּאר שׁוּרוֹת דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג צוּ וַוייזְן וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אַז אִיר זָאלְט אַלֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער אוּן אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

וֶוען פְרוֹיעֶן זָאלְן וֶוען וִויסְן וִוי גְרוֹיס זֵייעֶר שְׂכַר אִיז אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי הֶעלְפְן דִי אִינְגְלֶעךְ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ אִין שׁוּלֶע, וָואלְטְן זֵיי גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיג מִיט דֶעם וָואס זֵיי קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער וְכוּ'. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין", מִיט וָואס זֶענֶען פְרוֹיעֶן זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא? "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי גַּבְרַיְיהוּ בֵּי רַבָּנָן", מִיט דֶעם וָואס זֵיי מַאכְן גְרֵייט דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ אִין מֵיידְל שׁוּלֶע, "וְנָטְרִין לְגַבְרַיְיהוּ, עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", אוּן זֵיי וַוארְטְן אָפּ דִי מֶענֶער וְכוּ', דָאס אִיז זֵייעֶר זְכוּת וָואס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען עוֹלָם הַבָּא.

נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם): "גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְנָשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר דִי פְרוֹיעֶן מֶער שְׂכַר וִוי פַאר דִי מֶענֶער, וַוייל זֵיי הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער אוּן דִי מַאן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

(עצתו אמונה חלק ג' סימן רנ"א)

## עִנְיָנָא דְיוֹמָא - פּוּרִים

### אַרוֹיסְוַוייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת פוּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין וֵוייניגֶער וִוי אַ וָואךְ צוּ פּוּרִים, דַארְפְן מִיר זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן בֶּעפָאר יֶעדֶע יוֹם טוֹב, אַז פּוּנְקְט וִוי אַ בַּעַל הַבַּיִת גֶעט פַאר זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער אַ בָּאנוּס לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אַזוֹי דַארְפְן מִיר נֶעמֶען נָאךְ אַ שִׁיעוּר לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַלְס אַ בָּאנוּס; פַאר פּוּרִים אִיז כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען מַסֶּכֶת מְגִילָה, פַאר פֶּסַח מַסֶּכֶת פְּסָחִים אוּן אַזוֹי יֶעדֶע יוֹם טוֹב. עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע יוֹם טוֹב וֶוען מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם יוֹם טוֹב, בִּפְרַט וֶוען מִיר גֵייעֶן הֶערְן לֵיינֶען דִי הֵיילִיגֶע מְגִילָה אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט בֶּעפָאר דֶעם דִי גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ, אִיז עֶס אַן אַנְדֶערֶע מְגִילָה.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶע צוּ גֶעבְּן אַ טִיפּ פַאר זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן בָּאס דְרַייוֶוערְס. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן כְּסֵדֶר טִיפְּס פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט פּוּרִים אוּן חֲנוּכָּה; וַוייל וֶוען דֶער מְלַמֵּד אָדֶער טִיטְשֶׁער זֶעט אַז מֶען שֶׁעצְט אוּן מֶען אַנֶערְקֶענְט זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אַרְבֶּעטְן זֵיי מֶער מִיט הַארְץ.

עֶלְטֶערְן וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט גֶעבְּן יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַ טִיפּ פַארְ'ן מְלַמֵּד, וַוייל וֶוען אַ מְלַמֵּד זֶעט אַז דִי עֶלְטֶערְן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ אוֹיפְ'ן קִינְד גֶעבְּט דֶער מְלַמֵּד מֶער אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם קִינְד. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען אַ מְלַמֵּד זֶעט אַז דֶער טַאטֶע מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג אַ גַאנְץ יָאר פוּנֶעם קִינְד, אִיז עֶר אוֹיךְ מְזַלְזֵל אִינֶעם קִינְד.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד יָארְן צוּרִיק אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק דִי הַרְגָּשָׁה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אַ קִינְד אוּן דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט אַ גַאנְץ יָאר פוּן מִיר; אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט דֶעם טִיפּ, עֶס הָאט מִיר נָאר גֶעאַרְט 'וואו אִיז דִי הַכָּרַת הַטּוֹב; אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דַיין קִינְד, אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין אִים מַיין הַארְץ אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר נִישְׁט קַיין כִּי הוּא זֶה?!' דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ צוּ שִׁיקְן מִיט דַיין קִינְד כְּסֵדֶר 'מִצְוָה צֶעטְלֶעךְ' אוּן צוּשְׁרַייבְּן אַפָּאר וַוארִימֶע וֶוערְטֶער פַארְ'ן מְלַמֵּד. דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן שְׁרַייבְּן אִיז חָשׁוּבְ'ֶער וִוי דֶער גְרֶעסְטֶער טִיפּ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַרַיין זַיין בְּלוּט אוּן שְׁוֵוייס פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן יֶענֶער אִיז דָאס מַכִּיר - אִיז דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אוּן אַז נִישְׁט טוּט עֶס זֵייעֶר וֵויי.

מַאךְ זִיךְ אַ פָּשׁוּט'ֶער חֶשְׁבּוֹן: דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד דִי פָּאר שָׁעָה דוּרְכְאוֹיס שַׁבָּת צוּ זִיצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער וֶוען דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וַוייל זִי דַארְף אַרוֹיסְגֵיין וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶוערְסְטוּ אַזוֹי נֶערְוֶועז, אוּן דָא זִיצְט אַ מְלַמֵּד אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דַיין קִינְד אוּן עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז, נִישְׁט נָאר מִיט אֵיין קִינְד נָאר מִיט אַ גַאנְצֶע כִּתָּה. וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן שְׁלָאגְן אוּן אַוֶועק שְׁטוּפְּן; וֶוען דוּ רֶעגְסְט זִיךְ אוֹיף שְׁלָאגְסְטוּ דַיין קִינְד אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא אַז אֵיינֶער וֶועט דִיר פָארְהַאלְטְן וְכוּ', אָבֶּער דֶער מְלַמֵּד שְׁלָאגְט נִישְׁט, עַל כָּל פָּנִים דָא בַּיי אוּנְז שְׁלָאגְן נִישְׁט דִי מְלַמְּדִים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט", אוּן וֶוען דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּירְט אַז דֶער קִינְד נֶערְוְוירְט אִים קֶען עֶר גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְאַמָאל וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל.

הַלְוַאי זָאלְן עֶלְטֶערְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן הֶעלְפְן דִי מְלַמְּדִים מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען בַּאצָאלְן צַייטְלִיךְ אוּן מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען הֶעכֶערְן דִי גֶעהַאלְט, כְּדֵי דֶער מְלַמֵּד זָאל הָאבְּן אַבִּיסְל הַרְחָבַת הַדַּעַת, עֶר זָאל זַיין רוּאִיג אִין כִּתָּה מִיט דִי קִינְדֶער אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין דַאֲגָה אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט דָא אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען לֵיינְט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, אִיךְ זָאג דִיר אַז הַיינְט זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִי פָּאר דָאלֶער צוּ אַיינְקוֹיפְן פַאר שַׁבָּת.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִיר זֶענֶען דוּרְךְ דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְּרוּטָה צוּ צָאלְן פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְלֶעגְן זֵיי קוּמֶען אִין אָפִּיס מִיר גְרִיסְן גוּט שַׁבָּת, זֵיי הָאבְּן גֶעוִויסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין דָאלֶער אִין דִי יְשִׁיבָה קַאסֶע, נָאר אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע אוּן אֵיידֶעלֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעבֶּעטְן קַיין גֶעלְט פוּן מִיר, אָבֶּער וֶוען זֵיי פְלֶעגְן מִיר קוּמֶען גְרִיסְן 'גוּט שַׁבָּת' פְלֶעג אִיךְ רוֹיט וֶוערְן פַאר בּוּשָׁה יֶעדֶע וָואךְ. אִיךְ פְלֶעג מִיךְ בַּאהַאלְטְן פְרַייטָאג וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן אִין פָּנִים פַאר בּוּשָׁה, אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען בַּאצָאלְן.

דֶערְפַאר אַז מֶען שִׁיקְט אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר דֶעם מְלַמֵּד אוּן פַאר דִי טִיטְשֶׁער, פַארְ'ן מְנַהֵל אוּן פַאר דִי מְנַהֶלֶת אוּן מֶען שִׁיקְט אַן הַכָּרַת הַטּוֹב בְּרִיוו מִיט אַ טִיפּ, אִיז אַ סִימָן אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ מַתָּנָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואו מִיר קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיט אַ שִׂמְחָה, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען רַייסְט נִישְׁט אוּנְטֶער אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט דִי קִינְדֶער.

שְׁטַארְק דִיךְ אוּן הָאבּ הַצְלָחָה.

...

(ספר איש יהודי, מכתב יט)

## קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אִין דִי בְּרִיוו אָפְּטֵיילוּנְג

- אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס, וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?
- וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ ווִילְד אִינְגְל?

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
שמעו ותחי נפשכם

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט פָּאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן? אִיר הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין.

עֶס אִיז נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם אַז זֵיי פָּאלְגְן נִישְׁט. אַזוֹי אִיז דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם; קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד, לֶעבֶּעדִיג אוּן נִישְׁט הֶערֶעוְודִיג, קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט וֶוען מֶען רוּפְט זֵיי – נִישְׁט בַּיי אֵיין מָאל אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בַּיי צְוֵויי מָאל, דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט צוּ פָּאלְגְן וְכוּ'.

יֶעצְט נָאכְן הֶערְן דִי הַקְדָמָה וֶועט דִיר זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער זֵיי מְחַנֵךְ צוּ זַיין; דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ אוּן פַארְלוֹירְן וְכוּ' וֶוען דוּ וֶועסְט זֵיי עֶפֶּעס הֵייסְן אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הֶערְן, נָאר דוּ וֶועסְט רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי וֶועלְן פָּאלְגְן.

נָאךְ אַ זַאךְ אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן, וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער 'נֵיין' וְכַדוֹמֶה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן שוּלְדִיג וֶוען מֶען זֶעט ווִי זֵיי הוֹיבְּן אָן בְּלָאזְן אוּן מַאכְן אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים וְכוּ'. אוֹיבּ מֶען לוֹיפְט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען הוֹיבְּט זֵיי אָן פַארְגִיטִיגְן, מַאכְט דָאס אַז זֵיי זָאלְן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי עֶלְטֶערְן, ווַייל אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע ווֶערְט גְרִינְגְגֶעשֶׁעצְט. קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ זָאגְן 'נֵיין'; 'קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין דָארְט'; 'מִיר קוֹיפְן דָאס נִישְׁט'; וְכַדוֹמֶה, בְּלַייבְּט דָאס אַזוֹי, אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ שוּלְד גֶעפִיל [גִילְטִי קַאנְטְשֶׁעס] אוּן צוּרִיקְצִיעֶן.

וְעַל כּוּלָם דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן אֲפִילוּ אֵיין טָאג פוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, ווַייל תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, בִּפְרַט תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצוּעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

...

(עצתו אמונה חלק ז' סימן תקפ"ז)

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּארוּאִיגְן דֶעם מַצָּב צוּפְרִי בַּיים צוּגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער צוּם בָּאס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע; צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר דִי אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ מַאךְ גְרֵייט דִי קִינְדֶער צוּ קֶענֶען כַאפְּן דִי בָּאס צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין שוּלֶע, וֶוערְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן דֶער מַצָּב בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ. אִיךְ שְׁרֵיי אַסַאךְ אוּן אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער, דֶערְנָאךְ פִיל אִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף זֵיי אוּן אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ שְׁוַואךְ פוּן דֶעם.

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען דִי כֹּחַ אוּן צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף דֶעם וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז צוּפְרִי קוּמְט אַייךְ אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וַדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי וְשֶׁל בָּנַי וְהַתְּלוּיִים בִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "גַּם אֲזַי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל: 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ. וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר – הוּא מְרַצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי דַארְף אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאכְדֶעם צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אוּן אַז אֶפְשַׁר וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן פַארְקֶערְט. ווַייל אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זִיכֶער אַלֶעס גוּט.

אַז מֶען נֶעמְט אָן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִיז דֶער לֶעבְּן אַסַאךְ גְרִינְגֶער; וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תְּפִלָּה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי טָאג זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּ אִים, אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

אַז אִיר שְׁרַייבְּט אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוערְט אִיר אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ' וֶוען אִיר דַארְפְט זֵיי גְרֵייט מַאכְן צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין שוּלֶע; אִיר שְׁרֵייט אוֹיף זֵיי אוּן נָאכְדֶעם טוּט אַייךְ וֵויי פַארְוָואס אִיר הָאט אוֹיף זֵיי גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ', פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיר שְׁטֵייט אוֹיף, זָאלְט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיפְ'ן טָאג אַז אִיר זָאלְט זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, אַ רוּאִיגֶע מַאמֶע, אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מַאמֶע; וֶוען דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ אוּן וֶוען דִי מַאמֶע אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, זֶעט מֶען עֶס גְלַייךְ אָן אוֹיף דִי קִינְדֶער. אַ מַאמֶע הָאט אוֹיף זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת אוּן אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אִיר, דֶערְפַאר בֶּעטְס אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אַז הַיינְט זָאל אִיךְ נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי, אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן פָּאלְגְן וָואס מֶען זָאגְט זֵיי, זֵיי זָאלְן מִיר נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן אוֹיבּ זֵיי פָּאלְגְן נִישְׁט אוֹיף דִי סֶעקוּנְדֶע זָאל אִיךְ מִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן. אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּ דִיר הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אוּן פוּן אַלֶע מַיינֶע טֶעג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין גוּט-מוּטִיג, ווַייל וֶוען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אִיז מַיין מַאן פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז אִיךְ אוּן מַיין מַאן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אוּן הֶעלְף מַיין מַאן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, מְגַדֵל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה אוּן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט – נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד נָאר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נָאר טוּן דַיין ווִילְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל

פאַרזעצונג אין עמוד ג' <<<

צו העלפן די מערכת מיט'ן אויפטייפן די שיעורים אין חינוך ועוד, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876